**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/18/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 15.6 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן פלעי גרופס אויף SUNY און CUNY קאמפוסעס**

***פינאנצירונג וועט אדרעסירן פלעצער וואו עס פעהלן פלעי גרופס איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק סיסטעם און פארברייטערן סערוויסעס אויף סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק קאמפוסעס***

***צווייטע פאזע פון ברייטערע 'סטעיט אָוו די סטעיט' איניציאטיוו צו פארזיכערן אז SUNY און CUNY סטודענטן און איינגעשטעלטע האבן צוטריט צו פלעי גרופס פון א הויכע קוואליטעט***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א 15.6 מיליאן דאלארדיגע סטעיט אינוועסטירונג צו פארברייטערן צוטריט צו פלעי גרופס ביי די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק (SUNY) און די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק (CUNY). די פינאנצירונג רעכנט אריין 10.8 מיליאן דאלאר צו אדרעסירן SUNY קאמפוסעס וואו עס פעהלן פלעי גרופס און 4.8 מיליאן דאלאר צו צושטעלן נאך פלעי גרופ סערוויסעס אין CUNY קאמפוסעס. דאסאיז די צווייטע פאזע פון ברייטערע איניציאטיוו צו פארזיכערן אז סטודענטן און איינגעשטעלטע פון אלע SUNY און CUNY קאמפוסעס האבן צוטריט צו פלעי גרופס פון א הויכע קוואליטעט.

"פארברייטערן הויכע-קאווליטעט, ביליגע פלעי גרופ אפציעס איז א וויכטיגע זאך צו קענען שאפן א מער גלייכע און צוגענגליכע העכערע בילדונג סיסטעם פאר ניו יארקער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיין אדמיניסטראציע בלייבט איבערגעגעבן צו פארזיכערן אז אלע עלטערן האבן צוטריט צו פלעי גרופס פון א הויכע קוואליטעט, און די פינאנצירונג איז א קריטישע טריט צו זיכער מאכן אז עלטערן האבן די שטיצע וואס זיי דארפן כדי צו קענען אליין גיין באקומען בילדונג פון א הויכע קוואליטעט און בויען א בעסערע צוקונפט פאר זיך און זייערע פאמיליעס."

ביי טייל סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק קאמפוסעס האבן בערך 80 פראצענט פון סטודענטן מיט קינדער באריכטעט אז זיי האבן געהאט שוועריגקייטן צו באקומען גוטע פלעי גרופס פאר זייערע קינדער. די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק פארברייטערט די פלעי גרופ סערוויסעס וואס ווערן צוגעשטעלט אויפן קאמפוס מיט 7.6 מיליאן דאלאר פאר קאמפוסעס וואו עס איז דא די גרעסטע פארלאנג, אריינרעכענענדיג: SUNY College of Environmental Science ,SUNY Canton ,Alfred State and Forestry, Jamestown Community College, SUNY Old Westbury און SUNY Sullivan.

די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק סיסטעם איז אויך ערווארטעט צו ארויסשטעלן אן איינלאדענונג פאר פארשלאגן דעם יאר פאר א קערפערשאפט וואס זאל עפענען א פלעי גרופ ביי די סיסטעם אדמיניסטראציע לאקאציע צו נאכקומען די באדערפענישן פאר קינדער אין אלבאני'ס שטאטישע צענטער.

**סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק צייטווייליגע טשענסעלאר, דעבארע פ. סטענלי, האט געזאגט,** "מיר האבן א ברייטע צוגאנג צו די הצלחה פון סטודענטן, און מיר האבן געמאכט גרויסע פארשריט אין ניו יארק סטעיט א דאנק גאווערנער האקול און אונזער לעגיסלאטור, און די פארברייטערונג פון פלעי גרופּס איז קריטיש פאר פילע סטודענטן און איינגעשטעלטע צוגלייך. די צווייטע פאזע פון די אינציאטיוו אדרעסירט אונזערע פארבליבענע 'טשיילד קעיר מדבריות' און גיבן א גאר-נויטיגע ערלייכטערונג פאר די קאלעדזש פאמיליעס וועלכע האבן אונז דערציילט אז זיי האבן שוועריגקייטן צו טרעפן פלעי גרופּס. ניו יארק סטעיט מאכט א באדייטנדע אינוועסטירונג אין SUNY און אין אונזערע סטודענטן, און עס איז אונזער האפענונג אז מער עלטערן זאלן זיך אנשליסן אין אונזערע קאמפוסעס און זיך קאנצעטרירן אויפן באקומען זייער קאלעדזש דעגרי."

די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק באקומט 4.8 מיליאן דאלאר צו פארברייטערן פלעי גרופּ סערוויסעס אויף קאמפוסעס וועלכע האבן נאכנישט, אריינרעכענענדיג 1.2 מיליאן דאלאר פאר א נייע פלעי גרופּ ביי Queensborough Community College, אין צוגאב צו נאך 3.1 מיליאן דאלאר וואס די סטעיט גיבט צו אויפהאלטן די עקזיסטירנדע פלעי גרופּס פון CUNY. אין צוגאב צו די נייע לאקאציע, וועט די פארברייטערונג אויך צולייגן נאך 100 פלעצער איבער די סיסטעם, הויפטזעכליך פאר יונגערע קינדער, אריינרעכענענדיג בעיביס און קליינע קינדער. די צוגעקומענע פלעצער וועלן פארשטערקערן די שטיצע וואס ווערט שוין יעצט צוגעשטעלט דורך CUNY פלעי גרופּס וועלכע אפפערן זייערע סערוויסעס פאר נידעריגע פרייזן פאר די עלטערן און ווייזן נישט צוריק קיין איין סטודענט וואס איז אן עלטערן.

**סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק טשענסעלאר, פעליקס וו. מאטאָוס ראדריגעז, האט געזאגט,** "פארברייטערן פלעי גרופּ סערוויסעס אין אונזערע קאלעדזשעס מיינט אז מיר נעמען אוועק א שטרויכלונג וואס וואלט אנדערש געשטאנען אין וועג פון ניו יארקער צו קענען באקומען א קאלעדזש דעגרי אדער צו גיבן לעקציעס פאר אונזערע סטודענטן. גיבן פאר איבער 10 פראצענט פון CUNY בעטשעלאר דעגרי סטודענטן וועלכע זענען עלטערן די נויטיגע מיטלען כדי זיי זאלן זיך קענען קאנצעטרירן אויף זייערע אקאדעמישע און קאריערע ציהלן איז בלויז איין וועג וויאזוי מיר שטיצן זיי. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פארן לייגן צוטריט צו פלעי גרופּ סערוויסעס פאר א פריאריטעט אין די דורכגעפירטע בודזשעט און פאר איר אנגייענדע אינוועסטירונג אין אונזערע סטודענטן און איינגעשטעלטע."

אין צוגאב צום אדרעסירן פלעצער וואס האבן נישט קיינע פלעי גרופּס, רעכנט די גאווערנער'ס אינציאטיוו – וואס איז אנאנסירט געווארן פריער דעם יאר – אריין דאס פארטיילונג פון 4.5 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע און סטעיט פינאנצירונג פאר די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק צו שטיצן אירע עקזיסטירנדע פלעי גרופּס, און אזוי אויך א פראגראם צו טרענירן די קומענדיגע דור פון טשיילד קעיר פראפעסיאנאלן.

**אסעמבלי מיטגלידערין דעבארע דזש. גליק האט געזאגט,** "נישט קענען באקומען א פלעי גרופּ טאר קיינמאל נישט זיין א שטער פאר פאטענציאלע סטודענטן פון קענען באקומען העכערע בילדונג. א קאלעדזש דעגרי איז די זיכערסטע וועג צו פינאנציעלע הצלחה, און מיר מוזן זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער – באזונדערס עלטערן וועלכע וואוינען אליין און פאמיליעס מיט נידעריגערע איינקונפט – קענען פאראויס גיין מיט זייער בילדונג און מיט זייערע קאריערס. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן לייגן צוטריט צו פלעי גרופּס אלץ פריאריטעט, און איך קוק ארויס צו ארויפבויען אויף די הצלחה דעם קומענדיגן יאר."

דורכאויס דעם 2021-2022 אקאדעמישן יאר, האט די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק צוגעשטעלט סערוויסעס פאר 650 סטודענטן וועלכע זענען עלטערן, מיט בערך 4,500 פלעי גרופּ פלעצער אריבער די 46 SUNY קאמפוסעס וועלכע האבן פלעי גרופּס אויפן ארט. מיט די צוגעלייגטע פלעי גרופּס וועלן נאך

350 פּלעי גרופּ פלעצער געעפנט ווערן. די פּלעי גרופּס וועלן אויך צושטעלן סערוויסעס פאר איינגעשטעלטע און פאר סטעיט ארבייטער, ווי אויך פאר די דערנעבנדע קאמיוניטי — מיט יעדע פון די גרופּעס זייענדיג בערך א דריטל פון די סך הכל פּלעי גרופּ פלעצער.

די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק האלט יעצט אויף פּלעי גרופּ צענטערן אויף 17 פון אירע 25 קאמפּוסעס. דורכאויס דעם 2021-2022 אקאדעמישן יאר האבן די פּלעי גרופּס געהאט 1,400 אפענע פלעצער. די פלעצער שטעלן צו סערוויסעס הויפטזעכליך פאר CUNY סטודענטן וועלכע זענען עלטערן, טראץ בערך א דריטל פון די פלעצער זענען געווען קינדער פון CUNY איינגעשטעלטע אדער עלטערן פון די קאמיוניטיס ארום די קאמפּוסעס. די פּלעי גרופּס זענען אפן פינף אדער זעקס טעג פון די וואך, אריינרעכענענדיג אין די אוונט שעה'ן אויב עס פעהלט אויס. די בויגזאמקייט – צוזאמען מיט דאס צושטעלן סערוויסעס אויך פאר עלטערע קינדער אין די עלטער ווען זיי גייען שוין אין סקול – ערלויבן CUNY סטודענטן זיך צו גרינגער קענען באטייליגן ביי זייערע קלאסן. רוב פון די פּלעי גרופּס זענען אויך אפן אין די זומער.

סטודענטן וועלכע זענען עלטערן קענען אויך איינשרייבן זייערע קינדער אין א פּלעי גרופּ ביי א CUNY קאלעדזש נישט ביי די קאמפּוס וואו זיי אליין זענען איינגעשריבן, גיבנדיג די בויגזאמקייט אין פאל וואס א סטודענט לערנט ביי א CUNY קאלעדזש ווייט פונדערהיים אדער אויב די פּלעי גרופּ ביי זייער קאמפּוס איז שוין פול אדער אויב דער סטודענט דארף האבן א פּלעי גרופּ דורכאויס אוונט שעה'ן און סוף וואך.

**איבער די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
דער סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק איז דער גרעסטער אויספירליכע סיסטעם פון העכערע עדיוקעישן אין די פאראייניגטע שטאטן, און איבער 95 פראצענט פון אלע ניו יארקער וואוינען אינערהאלב 30 מייל פון סיי וועלכע פון די 64 SUNY׳ס קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. לענגאויס דעם סיסטעם האט SUNY פיר אקאדעמישע העלט צענטערס, פינף שפּיטעלער, פיר מעדיקעל סקולס, צוויי דענטעל סקולס, א געזעץ שולע, דער סטעיט'ס איינציגסטער קאלעדזש פון אפּטאמעטריע, און פארוואלטעט איין יו-עס דעפּארטמענט פון ענערגיע נאציאנאלע לאבאראטאריע. אין סך הכל, דינט SUNY בערך 1.3 מיליאן סטודענטן וועלכע לערנען אין אלע אירע קורסעס און פראגראמען, מיט און אן קאלעדזש קרעדיטס, אנגייענדע בילדונג און פראגראמען צו ארבעטן מיט די קאמיוניטי. SUNY טוט אויך אויפזען אויף באלד א פערטל פון אקאדעמישע פארשונג אין ניו יארק. פארשונג אויסגאבן איבערן די גאנצע סיסטעם זענען בערך 1.1 ביליאן דאלאר אין דעם פיסקאלן יאר 2021, אריינרעכענענדיג באדייטנדע ביישטייערונגען פון סטודענטן און איינגעשטעלטע. עס זענען פאראן איבער דריי מיליאן SUNY אלומנע איבער דער וועלט, און איינס פון דריי ניו יארקער מיט א קאלעדזש דיפלאם איז א גראדואירטער פון SUNY. צו לערנען מער איבער וויאזוי SUNY שאפט געלעגנהייטן, באזוכט [www.suny.edu](http://www.suny.edu).

**איבער די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק**
די סיטי אוניווערסיטעט פון ניו יארק איז די לאנד'ס-גרעסטע שטאטישע פובליק אוניווערסיטעט, א טראנספארמאטיווע טרייב קראפט פאר סאציעלע באוועגונג וועלכע איז א קריטישער שטאנדטייל פון דאס לעבנסבלוט פון ניו יארק סיטי. CUNY איז געגרינדעט געווארן אין 1847 אלס די לאנד'ס ערשטע פרייע פובליק אינסטיטוציע פאר העכערע עדיוקעישן, און עס פארמאגט היינט זיבן קאמיוניטי קאלעדזשעס, 11 סיניאָר קאלעדזשעס און זיבן גראדואירער אדער פראפעסיאנעלע אינסטיטוציעס פארשפרייט איבער ניו יארק סיטי'ס פינף בארָאס, סערווירנדיג איבער 243,000 בעטשעלאר און מעסטערס דעגרי סטודענטן און פארטיילנדיג 55,000 דעגריס יעדעס יאר. קוני׳ס אייגענע געמיש פון קוואליטעט און צוגענגליכקייט טרייבט באלד זעקס מאל אזוי פיל נידעריגע-איינקונפט סטודענטן צו דעם מיטל-קלאס און העכער ווי אלע אייווי ליגע קאלעדזשעס קאמבינירט.  מער ווי 80 פראצענט פון דער אוניווערסיטעט׳ס גראדואירער בלייבן אין ניו יארק, און ביישטייערן צו יעדע געביט פון דער שטאט׳ס עקאנאמישע, געזעלשאפטליכע, און קולטורעלע לעבן, און דיווערסיפיצירן דער שטאט׳ס ארבעטסקראפט

אין יעדן סעקטאר. קוני גראדואירער און איינגעשטעלטע האבן באקומען פילע פרעסטיזשפולע באעהרונגען, אריינגערעכנט 13 נאבעל פרייזן און 26 מעקארטור ״דזשיניוס״ גרענטס. די אוניווערסיטעט׳ס היסטארישע אויפגאבע זעצט פאר ווייטער ביז׳ן היינטיגן טאג: צושטעלן אן ערשטראנקיגער פובליק עדיוקעשען פאר אלע סטודענטן, אומאפגעזען די מיטלען אדער הינטערגרונד. צו לערנען מער איבער CUNY, באזוכט https://www.cuny.edu.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418